15־טע העפטל 3 פענס

# צו דער אינזל דא

א. נ. שטענצל

אויגוסט 1941, ווייטשעפל, לאנדאָן.

* * *

(ווידמונג)

וואָס שטאַרקער דער ים, וואָס שוימיקער ער רייסט,
אַלץ פעסטער דער ברעג פון כוואַלישן געגלעט,
אַזוי דער מענטש — יעדער איינער און צוזאַם, —
ווען טויט אונלעבן אין זייער ווילדן געדוועט.

עס איז נישט נאָר בלויז דער ברויזנדיקער ים,
וואָס רינגלט דיך אַרום דאָ און דיך באַשיצט,
עס איז די שטילקייט פאַר׳ן שטורעם אינ׳ם בלוט,
אין יעדן טראָפן פינקלדיק אויפגעבליצט — —

ס׳איז דאָס מענטשליכע האַרץ אַ פעלדזן אין ים,
אָנאויפהער געוואַשן פון זיין כוואַלישן געברויז!
לעבן און טויט ראַנגלט זיך און רינגלט זיך,
ס׳מוז דאָס האַרץ קאָנען אויסהאַלטן נאָר בלויז —

געוואַלטיק ס׳האָט אַ מענטש דאָ אויסגעהאַלטן,
דאָס געשאַף פון זיינע הענט איז בילד פון זיין בילד!
און איז נישט האַמלעט און ליר און אָטעלאָ
אָצעאַנען אין זייער אויפברויזיקן ווילד?

יאָ, ס׳איז דער אינזל דאָ דער פיעדעסטאַל
שעקספיר, פאַר דיין געוואַלטיקן מאָנומענט!
און די שוימענדיקע כוואַליעס — דער הינטערגרונט,
פאַר׳ן ברויזנדיקן שפיל פון דיינע הענט.

די זון פון נעפל זיך אַרויסרייסנדיקן דאָ —
אָפעליאַ רייסט פון זיך איר שלייער אַראָפ,
אין אירע ענטבלויזטע הענט די גילדענע קרוין,
שעקספיר, צו באַקרוינען דיין קעניגליכן קאָפ.

## צוויי סאנעטן צו די אהיימגעקומענע

(צו די פון דאַנקירק)

1.

נישט אימה האָבן זיי מיטגעברענגט,
נישט געפאַלנקייט אין זיך, נישט שרעק —
פון די געפאַלענע אויף יענער זייט ברעג,
דאָס בלוט פאַר זייער לעבן פאַרשענקט,

אַ פאָן איבער זייערע קעפּ איז צעהענגט!
עס פלאַטערט איצט אַזאַ בלוטיקער פלעק,
איבער׳ן גאַנצן לאַנד דאָ פון עק ביז עק,
אין קיין שום האַרץ נישט צו ווערן פאַרשווענקט,

אין קיין שום מוח נישט צו ווערן פאַרווישט —

— — — — — — — — — — — — —

נישט שרעקיק, נישט אָפּהענטיק־צומישט —
געפאַנצערטע און פאַרוואונדיקטער הויט,

אַזוי זיינען זיי אַהיים אָנגעקומען צוריק!
און עס פלאַקערט אַרויס פון יעדן בליק
מיט נצחון שוין איבער לייבהאַפטיקן טויט.

2.

דורך פייער און דורך פלאַמען און דורך בלוט,
און דורך אייגענעם — זידיק געפלאָסן! —
עס איז געוואָרן אַצינד פעסט געשלאָסן
דער בונט צווישן געטריישאַפט און מוט —

אויפגעפלאַמט ווי אַ פאָן ברענענדיקער גלוט,
אייגענער ברודער וואָס ליגט געשאָסן!
נישט פינסטערע, נישט חיה׳שע כאַאָסן,
נ׳שט טאַנק, נישט באָמבער, נישט פאַראַשוט,

קאָנען צושטערן וואָס מיט בלוט אויפגעבויט —
אייגענער גוף איז פעסטונג אַצינד,
טיף צוגראָבן מיט וווּנד נאָך וואָס רינט:

פנים־אל־פנים מיט לייבהאַפטיקן טויט,
נישט נאָר דעם שונא — אייגענעם כוח מ׳דערקענט!
פלאַמיק לעבן פלאַטערנדיקע פאָן אין הענט — —



3.

## א סאנעט צו א מאמע

איר האַרץ איז שטיל, נאָר איר בליק איבערגייט פון אַליין;
וועט ער נאָך אַהיימקומען, וועט ער דאָרט שוין בלייבן,
וועט ער פון געפאַנגשאַפט טרויעריקע בריף איר שרייבן,
אָדער וועט מען זיין נאָמען קריצן אויף דענקמאָל־שטיין?

פאַרוואָס דאָס אַלצדינג איז ווער קאָן עס דען פאַרשטיין!
אָ, וואָלט זי געקאָנט איצט בעטן, אין גאָט איצט גלויבן,
און אַלע בייזע מחשבות פון זיך נאָר פאַרטרייבן — —
זי איז דאָך נאָר אַ מאַמע, איז איר האַרץ פול געוויין —

אין איר יעטווידן בליק זוכט זי זיינע פנים־ריסן!
איר האַרץ איז שטיל — פון אַליין נאָר די טרערן פליסן,
פון אַליין דאָס קלאַפּן אין אירע שלאָפע שלייפן —

— — — — — — — — — — — — —

מיט זיין לעבן,— גראָד איר קינד האָט עס אויסגעקליבן!
זיינען אַנדערע מאַמעס זין איבערגעבליבן — — —
אָ, איצט קאָן זי בעטן, איר האַרץ גאָט באַגרייפן — —

## א תפילה פון א מאמע

אַז איך וועל דערלעבן, מיין זון,
דיך צוריק אַהיימקומען צו זען,
איך וועל אַזוי וויינען פון פרייד,
דעמלט ווען דאָס־אָ וועט געשען.

אין מיינע אָרעמס כ׳וועל דיך האַלטן,
אין מיינע וויעץ געבוירן אויפס־ניי — —
ווי איך פאַרבייס דאָס מיינע ליפּן,
וואָס טיפער צו דערשפירן דעם וויי.

איצט שטיי איך איבער דיין לעבן,
ווי איבער אַ תפילה שטיל פאַרשאַרט!
עס וועט דאָך מיין האַרץ נישט, חלילה,
מיט אַלע מענטשן צוזאַם אָפּגעשאַרט — —

אין בלוט ווערט געבוירן דאָס לעבן,
גאָט, וואָס־אָ ווערט געבוירן אַצינד?!
אָ, זאָל איך עס נאָר ווערט זיין, כאָטש דאָס.
לעבעדיק אַהיימקומען — מיין קינד.

# צוויי מלחמה באלאדן

1.

## איר איינציקן זון!

אין יענער מלחמה דעם מאַן פֿאַרלוירן,
און אין דער — איר איין־איינציקן זון!
און זי, אַן אָרימע פֿרוי, אַ מאַמע,
וואָסער שלעכטס האָט זי וועמען געטון?

דעמלט, די בשורה איז אָנגעקומען,
זי האָט איר קינד געהאַלטן אויף די הענט,
צו איר ברוסט זי האָט עס צוגעדריקט,
איר צער, איר פֿאַרשטאַנד — טרערן־געבלענדט!

אַ פֿרישער קוואַל, אַן אַרויסגעריסענער,
פֿון אונטער איר האַרץ פֿון ווי פֿאַרשטיינט,
און אירע אויגן האָבן זיך פֿלוצלינג,
צוויי יתומים־קינדערלעך צעוויינט — — —

איצט האַלט זי די בשורה אין אירע הענט,
צו פֿאַרטײַעטן האַרץ פֿעסט צוגעדריקט:
ס'איז איר קינד — — זי קאָנ'ס נאָך אַרויסלאָזן — —
ווי בעטנדיק, ווי ליבלעך עס בליקט —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

אין יענער מלחמה דעם מאַן פֿאַרלוירן,
איר איין־איינציקן, איר זון — אין דער!
וואָלט דאָס האַרץ כאָטש געקאָנט זיך צעוויינען,
דער בליק — פֿאַרגיסן אַן איינציקע טרער.

פֿון דער בשורה צום האַרצן צוגעדריקט,
פֿונאיר מרה־שחורה־פֿאַרקראַמפּטער האַנט,
ווי פֿון מוטנער זיך שליסנדיקער קוואַל
טראָפּנווײַז טריפֿט אַרויס איר פֿאַרשטאַנד.



2.

## א טרייסט אזא — —

(פֿון אַ לעצטן בריף)

כ'האָב געזען שטאַרבן אַ מענטש אויף זײַן בעט
און ווי דערנידריקט ס'איז דאָס געווען,
און ווי פֿאַרטיפֿט און ווי דערהויבן ס'האָט מײַן האַרץ
ווען פֿון העלדן, פֿון קדושים כ'האָב געלעזן.

און וואָס וואָלט דען אונזער לעבן געווען,
ווען נישט דער קאַמף תמיד מיט'ן בייזן —
מײַז אַרײַנגעכאַפּטע זיך אין אַ שפּײַכלער,
זיך טויט־צופֿרעסן פֿון צופֿיל שפּײַזן — —

אַז גוטס ס'איז פֿאַרהאַנען און דער קאַמף דערפֿאַר,
און הייליקע ווערטער אויף ציטער פֿון ליפּן,
זײַנען מיר אַלע נאָר אַ זיפּ אַזאַ,
פֿון גוטן דאָס שלעכטע אויסצוזיפּן —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

כ'האָב געזען שטאַרבן אַ מענטש אויף זײַן בעט,
מיט אַן עקל צו זײַנע זין און טעכטער — —
אַרום אונז איצט שטייען אַלע מענטשן,
מיט אַ גלויבן אין אַ וועלט, אין אַ גערעכטער.

זיגן ווי העלדן, אָדער קדושים פֿאַלן
און נישט לעבן ווי מײַזן אין נעצן פֿון דראָטן!
יאָ, וואָס וואָלט דען אונזער לעבן געווען,
ווענישט דער קאַמף תמיד מיט'ן בייזן שטן.

און אין הונדערטער און אין טויזנטער יאָרן
זאָלן אונזערע קינדס־קינדער פֿון אונז לעזן,
און פֿאַרטיפֿן און דערהויבן זייערע הערצער
פֿון דעם־אָ, וואָס מיר זײַנען אַצינד געווען —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

## אַלע כוחות איצט צוזאַמענגענומען

ס׳גייט די גאַנצע וועלט אויף רעדער אַצינד,
און ס׳מוז שוין ערגעץ אַהין זוו פירן!
איינגעשפּאַנט מיר זיינען איצט אַלע,
און די בייטשן אויף די רוקנס מיר שפּירן.

נאָך אַ שמיץ נאָר, נאָך אַ קנאַל־געבליץ,
און אויף הינטערשטע פיס דיבאָם זיך שטעלן — —
דער אָבער וואָס האַלט די לייצעס אין האַנד,
ער ווייסט דעם ציל, און אָנקומען מיר וועלן.

אַן אויפברויז צו לעבן ס׳איז אין צייט אַזאַ
טרייבנדיקע בייטש צו שפּירן אויף רוקן!
מיט קאָפּ פאָראויס נאָר ציען און ציען,
אויף איין רגע זיך נישט אומצוקוקן.

ס׳גייט די גאַנצע וועלט אויף רעדער אַצינד,
צו איר איינציקן ציל איצט אָנצוקומען!
נאָר נישט שוואַך בלייבן, נאָר נישט שטיין בלייבן,
אַלע כוחות איצט צוזאַמענגענומען.

בלוטיק איז דער שליאַך, גליווערדיק און גליטשיק,
און נישט איינער פון די פיס וועט פאַלן!
אָ, איידער צום ציל מיר וועלן אָנקומען,
זאָל נאָר נישט אויפהערן דאָס בייטשן־קנאַלן.

זאָלן מיר נאָר נישט ליגן בלייבן אַלע,
די שווערע משא נישט דערשלעפּן צו קענען!
מיט קאָפּ פאָראויס נאָר ציען און ציען
און מיט שוואַרץ־אַפּלען פול גלויביקן צעברענען — —

— — — — — — — — — — — —



## ווינסטאָן טשאַרטשיל

בישט אַ פאָן אין ווינט איז אַ פירער —
אַלע שטורעמס אין זיינע זעגל־טיכער!
ער נעמט זיי אויף, ער זאַמלט זיי צוזאַם
צום ציל צו קומען פּינקטליך און זיכער.

יאָ, ווי דער וועלן־וועג הינטער דער שיף
זיין געדאַנקען־גאַנג, זיין אויפגעשוימטער!
אַלץ ווייטער און ברייטער, אַלץ אויסגעשפּרייטער,
פון אייגענע ברעגעס נאָר אַ געצוימטער.

פון די יאָגענדיקע געדאַנקען אין אים —
קיין איינציקע רגע נישט אויפצוהערן! —
די איינגעגראָבענע, די ברייטע פאַלדן,
איבער זיין פּעסטן, זיין געקאָרבטן שטערן.

מיט שמייכלען פאַרביסן צווישן די ליפּן,
דאָס געוואַגטסטע שפּילענדיק צו צווינגען!
יאָ, די רינגעלעך רויך פון זיין ציגאַר
פאַר׳ן אַנקער די געקאָוועטע רינגען.

בישט אַ פאָן אין ווינט איז אַ פירער,
צי דרייען זיך אין אַלע פיר זייטן —
ער איז דער שטאָלצער מאַסט פאַר׳ן זעגל,
און דער שטורעם־ווינט אים אויסצושפּרייטן!

## אַנטאָני אידן

זיין בילד געזען דעמלט אין בערלין נאָך,
און געוווסט באַלד, ער וועט נישט פאַרראַטן,
נאָך נעפּלט יענער זשמור אין זיין בליק,
פון זיינע עלטער־זיידעס, די פיראַטן —

נישט ווערטער צו הערן, נישט פאַלטשן קלאַנג,
פול כיטרישן פול חניפישן פלוישן — —
קרעלן שניידן זיך אים אין האַרץ אַריין,
פונ׳ם בלוט ווי כוואַלישע געררוישן!

אויף שנירל פון זיינע פאַרקניפּטע ליפּן
ציטערן זיי אַרויף מיט שטילסטן שוייגן — —
זיין בילד געזען דעמלט און געפילט,
דאָס האַרטנאַקיגע אין דעם שלאַנקן נייגן —

פנים אל פנים זיצט ער מיט׳ן שטן,
.ייפ׳ן קני אַזוי דעם עלנבויגן,
דעם איינגעהאַלטענעם קאָפּ, ווייך געבייגט,
צו פאַרשאָטענען דעם גלי אין די אויגן —

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

נישט מיט׳ן בלוט פון זיין קליינעם פינגער
וועט אַזוינער דעם טייוול זיך פאַרשרייבן !
זיין גאַנץ לייב און לעבן וועט ער אַוועקגעבן —
פון דער וועלט אים צו פאַרטרייבן — — —

* * *

(איבער די געפאַלענע איבער זייער דענקמאָל שטיין.
ניוטאָן און דאַרווין, איך קריץ אייערע נעמען איין)
ס׳איז דער בייזער צעשטרעק פון פינסטערע הענט
נישט שטאַרקער ווי דאָס צעטוליע פון מאַמע מיט קינד,
פונקט ווי ס׳איז דאָס געגלעט פון שטראַליקער זון
נישט ווייניקער געוואַלטיק ווי דער שטורמיקסטער ווינט.

רייסנדיקע כוחות זיך צוזאַמען צו האַלטן,
ס׳איז פון צופלוס און אָפּפלוס דאָס אייביקע געברויז ;
אַז דאָס געקרייז פון דורות קיינמאָל נישט אויפהערט,
אין הערצער דאָס אייביקע צוצי און אָפּשטויס.

כ׳האָב אַ מוטער־אַף מיט איר זייגנדיקס שפּילן געזען,
און אויף אונזער אָפּשטאַם מיין האַרץ האָט זיך געפרייט —
איבער אַלע אונזערע בייזע אכזריות׳ן
ס׳איז דאָך אַזאַ טוליענדיקע גנאָד אויסגעשפּרייט !

איז עס פון זון אונטערגאַנג, איז עס פון זון אויפגאַנג ?
עס פאַרבט זיך בלוטיק דער ברויזנדיקער ים !
אַזוי מיר — מיט כסדר׳דיק פאַרגיי און אויפגיי,
עס ראַנגלט זיך און אייביקט זיך דער מענטשליכער שטאַם — — —

ס׳ציט אונז דאָס פינסטערע פון דער ערד צו זיך צו,
אָבער נישט ווייניקער דאָס ליכטיקע פון דער זון !
יאָ, נישט ווייניקער פון גרויליקן גרויזאַמסטן,
פון ליבליכן־גוטן — מיר זיינען אַ טייל דערפון.



Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.